# דברות קודש

## מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

שנאמרו בסעודה שלישית שבת פרשת כי תשא תש"פ לפ"ק

### בענין מצב הזמן בהתפשטות מחלת הקרונה

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

**איך** האב געוואלט רעדן א נקודה. עס פעלט רואיגקייט, מען איז אנגעצויגן פון די מצב פון געזונטהייט וואס איז דא. און עס האט אויך צוגעברענגט גרויסע שאדענס פון געלט פאר אסאך יודען, און מען ווייסט נאך נישט וואו מען האלט דערמיט. דער אייבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט אויף כלל ישראל, אם ה' לא ישמור עיר, שוא שקד שומר (תהלים קכז-א), אלעס איז אין די הענט פון רבונו של עולם. אבער ווי ביי יעדע זאך, איז א יוד מחוייב צו טון אלעס וואס איז בידו זיך צו היטן זיין נפש, ושמרתם מאוד לנפשותיכם, א יוד דארף היטן זיין נפש, זיין געזונט איז ער מחוייב צו היטן. און דער פסוק זאגט ושמרתם 'מאוד', נישט ביי אלע שמירות וואס עס שטייט אין די תורה שטייט 'מאוד', דא שטייט ושמרתם 'מאוד' לנפשותיכם.

**צו** וואס איז דאס נוגע? אז די זאכן וואס די רעגירונג האלט אז מען דארף טון, זאל מען נישט מזלזל זיין. אלץ דינא דמלכותא דינא איז מען אויך מחוייב, אבער אויב רופאי אומות העולם פארשטייען אז מען דארף האבן אין דעם א שמירה, ליגט א חיוב מן התורה, אז א יוד זאל טון וואס איז בידו, און נאכדעם זאל ער זיך פארלאזן אויפן רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער וועט היטן.

*

**מען** ווייסט וואס די גמרא (שבת לב.) זאגט, לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה, שאם יחלה אומרים לו הבא זכות והפטר. א מענטש דארף שטענדיג מתפלל זיין אז ער זאל נישט קראנק ווערן. עס איז זייער גרינג מתפלל זיין בשעת מען איז געזונט, אז עס זאל נישט קומען קיין מחלה, עס איז גרינג עס זאל ווערן אנגענומען, אבער ח"ו ווען עס באפאלט ביי איינעם, דארף מען שוין האבן זכותים אז מען זאל זיך קענען דערפון ארויסדרייען. מאי קראה, זאגט די גמרא, שנאמר (דברים כב-ח) כי יפול הנופל ממנו, ווען א מענטש איז שוין א נופל, ער איז שוין געפאלען, 'ממנו', מוז ער ברענגען פון זיינע מעשים א ראיה, כדי ער זאל געהיילט ווערן. - דאס איז שטענדיג, א גאנץ יאר, ביי אלע מחלות, און כל שכן ביי א זמן וואס מען איז מער אויסגעשטעלט דערצו, דארף מען מער מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל זיין געזונט, ער, מיט די בני בית, און גאנץ כלל ישראל, עס זאל זיך נישט אנכאפן ביי יודען.

**די** עיקר פון תפלה איז ביי די שמונה עשרה, ביי די ברכה פון רפאנו, א עקסטערע ברכה וואס די חכמים האבן צוגעשטעלט, אז מען דארף בעטן אויף רפואה, רפאנו ה' ונרפא, הושיענו ונושעה. מען דארף מער מכוין זיין בשעת'ן דאווענען, בעטן מיט כוונת הלב, פאר זיך, און פאר די בני בית, און פאר כלל ישראל, אז עס זאל נישט קומען דערצו. מען זאגט א דאפעלטע לשון, רפאנו ה' ונרפא, הושיענו ונושעה, כי תהלתנו אתה. עס איז צוויי ערלייי בקשות, רפאנו ה' ונרפא, ווען איינער איז שוין נישט געזונט, דארף מען בעטן רפאנו, אז דער אייבערשטער זאל היילן. נאכדעם בעהט מען הושיענו ונושעה, העלף אונז אז מיר זאלן מעיקרא נישט צוקומען דערצו אז מען זאל דארפן האבן א רפואה. מען בעהט אויף א רפואה ווייל דאס איז איז די נוסח הברכה, און אונז בעהט מיר אויך אויף הושיענו ונושעה, דער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל נישט דארפן צוקומען דערצו. מען איז מקדים די רפואה קודם, ווייל דער אייבערשטער ברענגט נישט קיין מכה, ביז עס איז נישט דא קיין רפואה קודם. מען זאגט קודם רפאנו און נאכדעם הושיענו ונושעה.

**מען** זאגט ביים דאווענען אז דער אייבערשטער איז רופא חולים, און שפעטער זאגט מען מלך ממית ומחיה. דער באשעפער ברענגט אויף די מחלה, און ער היילט אויך, ער טוט אלעס. ער וואלט געדארפט זאגן, אז דער אייבערשטער ברענגט די קראנקהייט, און ער היילט. נאר דער אייבערשטער איז א 'רופא' חולים, ער איז קודם די רופא, 'פאר' עס איז דא די חולה. ער איז מקדים די רפואה פאר די מכה, עס איז אלעמאל צוגעגרייט א רפואה, מען דארף נאר בעטן. לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה, מען זאל נישט צוקומען דערצו.

**תפלה,** מען איז מחויב שטענדיג מתפלל צו זיין, און בדרך כלל איז תפלה נאר א מצוה דרבנן, אבער בעת צרה איז תפלה א דאורייתא. אין אזא מצב, ווען עס איז דא א צרה, איז מען מחוייב מן התורה מתפלל זיין אויף א ענין פון רפואה.

*

**די** תורה הק׳ זאגט אין פרשת בשלח (טו-כו), דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יודען, אם שמוע תשמע לקול ה׳ אלקיך, והישר בעיניו תעשה, דו וועסט טון וואס דו דארפסט, דו וועסט מקבל זיין די תורה, דו וועסטו טון וואס איז ישר אין די אויגן פון אייבערשטען, והאזנת למצותיו, ושמרת כל חוקיו, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, כי אני ה׳ רופאך. עס איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטן, אז ווען א יוד וועט זיך פירן בדרכי התורה, זאגט דער אייבערשטער, כל המחלה אשר שמתי במצרים, אלע סארט מחלות וואס עטץ זענען אדורכגעגאנגען אין מצרים, לא אשים עליך, וועל איך נישט לייגן אויף דיר, כי אני ה׳ רופאך, ווייל איך טוה דיך היילן. אין אזא צייט דארף מען מער אכט געבן אויף שמירת התורה והמצות. דעמאלטס איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטן, אז כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך.

**רש״י** שטעלט זיך, פארוואס דארף שטיין דעמאלטס כי אני ה׳ רופאך. אויב עס איז לא אשים עליך, אז דער אייבערשטער וועט נישט לייגן, דארף מען נישט קיין דאקטער. וואס זאגט ער לא אשים עליך, כי אני ה׳ רופאך. רש״י טייטשט, ואם אשים, טאמער איך וועל עס יא לייגן, הרי הוא כאילו לא הושמה, איז כאילו איך האב עס נישט געלייגט, ווייל איך וועל עס אוועק נעמען, כי אני ה׳ רופאך, ווייל איך בין דער רופא. עס איז שווער די רש״י עברי מיט טייטש, וואס איז טייטשט ואם אשים, דו זאגטס דאך אז איך וועל עס נישט לייגען, וואס איז טייטש, ואם אשים, טאמער איך וועל עס יא לייגען. פארוואס זאל ער עס לייגן, ער האט געזאגט פריער, אז אויב מען פירט זיך בדרכי התורה, וועט דער אייבערשטער עס נישט לייגן. דער שפתי חכמים טייטשט, ואם אשים איז דער טייטש, טאמער דו וועסט דיך נישט פירן גוט, און איך וועל עס יא לייגן אויף דיר, טאמער נאכדעם וועסטו זיך צוריק קערן און דו וועסט תשובה טון, וועל איך עס אראפנעמען פון דיר, כי אני ה׳ רופאך, ווייל איך בין דיין רופא. ואם אשים, אויב עס וועט זיך יא מאכן אמאל, דו וועסט אדורכפאלן, און איך וועל מוזן לייגן אויף דיר די מחלה, וועט עס זיין כאילו לא הושמה, אזוי ווי עס איז נישט ארויפגעלייגט געווארן, כי אני ה׳ רופאך, ווייל איך בין דיין רופא.

**ווי** מען האט פריער גערעדט, אז ביי יעדע מחלה וואס דער אייבערשטער ברענגט, איז ער קודם בורא די רפואה פאר דעם, און פארוואס איז ער בורא די רפואה פאר דעם, זאגט דער חיד״א, ווייל ווען די רפואה איז צוגעגרייט פון פאר דעם, ברענגט מען די מחלה אויף אזא וועג, אז די רפואה זאל עס קענען אויסהיילן אינגאנצן, עס זאל נישט איבערבלייבן דערפון גארנישט. ווען א מכה קומט קודם, איז עס נישט אויסגערעכנט ווי אזוי עס קומט, אבער טאמער איז דא די רפואה פאר די מכה, דעמאלטס איז צוגעגרייט די מכה אויף אזא וועג, אז די רפואה זאל עס קענען אינגאנצן אוועקנעמען. זאגט דער אייבערשטער, ואם אשים, אפילו איך וועל עס לייגן אויף דיר, זאלסט וויסן אז עס איז צוגעגרייט די רפואה פון פאר דעם, און הרי הוא כאילו לא הושמה, דו וועסט ווערן אזוי געזונט, כאילו מען האט דאס נישט ארויפגעלייגט, ווייל כי אני ה׳ רופאך, איך בין דאך דער רופא, איך בין דער וואס האט עס געברענגט, און איך בין דער רופא, און איך האב צוגעגרייט די רפואה פון פריער, איז עס כאילו לא הושמה, כאילו עס איז נישט געווארן ארויפגעלייגט.

*

**מען** ווייסט וואס עס שטייט אין חז״ל (יבמות סג.) אז אלעס וואס טוט זיך אויף דער וועלט, האט צוטון מיט אונז יודען. די ברכות וואס איז דא אויף דער וועלט, קומט אין זכות פון שמירת התורה פון יודען. און פארקערט, קומט עס אויך פון אונזערע מעשים. די גמרא זאגט, אפילו א ספינה וואס גייט פון גליא אויף אספמיא, עס איז די אנדערע עק וועלט, עס האט נישט קיין שייכות מיט יודען, אינן מתברכות אלא בשביל ישראל, ווערט עס נישט געבענטשט נאר אין זכות פון יודען. ונברכו בך כל משפחות האדמה (בראשית יב-ג). די ברכות וואס איז דא אין דער וועלט, אלעס איז תלוי אין יודען. ווען יודען פירן זיך בדרכי התורה, מען איז מדקדק אין שמירת התורה והמצוות, דאס ברענגט די ברכה זאל זיין אויף דער וועלט.

**די** גמרא זאגט אין אנהייב ברכות (ה:), אז רב הונא האט געהאט אמאל א גרויסע געלט שאדן, די ווין איז אים קאליע געגאנגען. איז מען געגאנגען צו רב הונא, און מען האט אים געזאגט, לעיין מר במיליה, קוק אין דיינע מעשים, קוק וואס עס דארף א תיקון. האט רב הונא זיי געזאגט, ומי חשידנא בעינייכו, בין איך דען חשיד אין ענקערע אויגן, אז איך פיר זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, אז עטץ זאגטס מיר איך זאל מעיין זיין אין מיינע מעשים. האבן זיי געענטפערט, ומי חשיד קודשא בריך הוא דעביד דינא בלא דינא, דער אייבערשטער איז יא חשיד, אז ער טוט א זאך אנדעם וואס עס קומט זיך?! אז ער האט דאס געברענגט, איז עפעס דא. דו זאגסט אז דו ביסט נישט חשוד, אבער דער אייבערשטער איז אוודאי נישט חשוד.

**ווען** עס קומט א פורעניות אויף דער וועלט, דארף יעדער יוד מהרהר בתשובה זיין. אונז ווייס מיר נישט וואס די חטאים זענען, אויף וואס מען דארף משים לב זיין. אבער מען ווייסט אז דער נסיון פון דעם דור איז אינטערנעט, כמעט אין גם אחד וואס זאל קענען זאגן, אז עס האט אים נישט באריערט עפעס אויף א געוויסע וועג. וואס איז אינטערנעט? אינטערנעט איז א כלי וואס איז געמאכט געווארן מחבר צו זיין די גאנצע וועלט אינאיינעם, אז יעדער מענטש קען צוקומען צו יעדען מענטש אויף דער וועלט, און יעדער מענטש אויף דער וועלט קען

צוקומען צו דיר, מארבע כנפות הארץ. דאס ברענגט א חורבן. אז מען איז נישט פאר זיך, ער איז אפען צו די השפעה פון איבערשטן, אז ער זאל קענען איבעראל גרינג צוקומען, דאס ברענגט א חורבן אין יודישקייט. דער אייבערשטער פירט יעדע זאך מדה כנגד מדה, מען זעהט אז די ענין וואס איז געקומען יעצט, עס האט זיך אנגעהויבן אין איין עק וועלט, און עס פארט ארום פון איין מדינה צו די אנדערע מדינה, עס גייט ארום פון איין מקום אויפן צווייטן מקום. עס איז מדה כנגד מדה, עס האט געברענגט א לינ"ק פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, און עס קומט אן פון איין מקום אויפן צווייטן מקום. און די רפואה דערפאר איז אפגעזונדערקייט, מען זאל זיך נישט דרייען, ווייל דאס איז די רפואה פונעם אינטערנעט אויך, מען זאל זיין אפגעזונדערט פון אלעס ארום און ארום. - על כל פנים וואס מען קען טון, איז אוודאי ווען א יוד טוהט א דבר טוב, האט ער סייעתא דשמיא, און ער גייט אריין אין כלל פון די ברכה פון אם שמוע תשמע לקול ה׳ אלקיך, איז כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך.

*

**עס** שטייט אין גמרא (מגילה יז:), אז די שמונה עשרה איז איינגעטיילט אין אכצן ברכות. די אכצן ברכות זענען אויסגעשטעלט אויף א סדר, און די סדר איז מעכב, מען דארף דאווענען לויט די סדר וואס עס שטייט די אכצן ברכות. און די גמרא שטעלט זיך אויף יעדע ברכה, פארוואס גייט די סדר פון די ברכות אזוי ווי עס איז. נאך אתה חונן קומט תשובה, נאכדעם קומט סלח לנו, נאכדעם קומט גאולה, נאכדעם קומט רפואה, נאכדעם קומט ברכת השנים, די תבואה זאל געבענטשט ווערן, די ברכה אין די פעלדער.

**זאגט** די גמרא, נאך חונן הדעת קומט די ברכה פון תשובה, ווייל אזוי שטייט אין פסוק (ישעיה ו-י) ולבבו יבין ושב ורפא לו. לבבו יבין, ווען א מענטש פארשטייט, ער פארשטייט וואס א חטא איז, ער פארשטייט פארוועם ער זינדיגט, דעמאלטס ושב, דעמאלטס איז דא תשובה. עס קען נישט זיין השיבנו אן קיין אתה חונן. קודם דארף מען האבן דעת צו פארשטיין אז מען האט געזינדיגט, נאכדעם קען קומען תשובה. נאך תשובה ברענגט ער א פסוק (ישעיה נה-ז) וישוב אל ה׳ וירחמהו, ואל אלקינו כי ירבה לסלוח. אז עס קומט סליחה, דער אייבערשטער איז מוחל. נאך סליחה וואלט געדארפט צו זיין הסולח לכל עוניכי הרופא לכל תחלואיכי, עס וואלט געדארפט קומען גראד די ברכת רפואה, מען האט אבער אריינגעלייגט אינדערמיט די זיבעטע ברכה, די ברכה פון גאולה, ווייל משיח וועט קומען אין שמיטה, גואל ישראל וועט זיין אין שביעית. די אכטע ברכה האט מען מתקן געווען אויף רפואה, ווייל מילה איז ניתנה בשמיני.

**ומה** ראה ברכת השנים בתשיעית, פארוואס נאכדעם קומט ברכת השנים. זאגט די גמרא, מפני מפקיעי שערים, די ברכה איז געמאכט געווארן פאר די וואס ציען ארויף די פרייזן. אמאל איז דא זאכן וואס עס איז נישט דא צובאקומען, און אז מען ציהט ארויף די פרייז פון א זאך בשעת עס איז נישט דא צובאקומען, איז מען א רשע. פאר דעם שטייט אין פסוק (תהלים י-טו), שבור זרוע רשע, דוד המלך האט מתפלל געווען, אז מען זאל צוברעכן די הענט פון די רשעים, דאס גייט ארויף אויף די מפקיעי שערים, אויף די וואס טוען ארויפציען די פרייז בשעת עס איז נישט דא צו באקומען זאכן. און דוד המלך האט געזאגט דעם פסוק אינעם ניינטן קאפיטל פון תהלים, וועגן דעם האט מען קובע געווען ברכת השנים ביי די ניינטע ברכה. און וואו ליגט אין די ברכה אקעגן די מפקיעי שערים, ווייל ווען דער אייבערשטער וועט בענטשן אז עס וועט זיין תבואה בהרחבה, וועט ממילא נישט זיין קיין מפקיעי שערים, ליגט אין דעם א ברכה אקעגן די מפקיעי שערים.

**איך** האב געטראכט צו זאגן א נקודה דערין. די אכטע ברכה איז רפואה, דאס איז חיי. די ניינטע ברכה איז מזוני, ברכת השנים. דאס איז ח׳ און ט׳. חט"א וואס מען זינדיגט, דאס איז ח׳ און ט׳. די חט"א וואס מען זינדיגט, דאס האט א כח אויף די אכטע און די ניינטע ברכה. עס שאדט פאר חיי און עס שאדט פאר מזוני. און אז מען וויל מתקן זיין די חטא, מען וויל מתקן זיין וואס עס ליגט אין די אכטע און די ניינטע ברכה, חיי ומזוני. ווען מען איז מתקן דעם חט"א, דעמאלטס האט מען א שפע פון חיי ומזוני.

**נאר** עס איז דא אין דעם נאך א ענין, די גמרא זאגט אנהויב מסכת תענית (ח:), אז אין די צייטן פון רבי שמואל בר נחמני איז געווען צוויי צרות. עס איז געווען כפנא, עס איז געווען א הונגער, די פרנסה איז נישט געגאנגען ווי עס דארף צו זיין. ומותנא, און עס איז ארום געגאנגען א קראנקהייט וואס מענטשן זענען געשטארבן דערפון. און מען האט געוואלט גוזר זיין א יום תפלה, און מען איז נישט גוזר א יום תפלה אויף צוויי זאכן צוזאמען. האט מען נישט געוואוסט וועלכע מען זאל אויסקלייבן, אויף וואס מען זאל מתפלל זיין. האבן זיי געטראכט אז מען גייט מתפלל זיין אויף מותנא. קודם זאל מען זיין געזונט, מען זאל לעבן, הונגער וועט אדורכגיין, מען וועט זיך שפעטער זארגן, קודם זאל מען בלייבן לעבן. מען זאל מתפלל זיין נאר אויף מותנא. רבי שמואל בר נחמני האט אבער געזאגט ניין, קודם זאל מען מתפלל זיין אויף כפנא, אז דער אייבערשטער זאל געבן א שפע פון פרנסה, ווייל אז דער אייבערשטער גיט א שפע פון פרנסה, כי יהיב שובע, ווען ער גיט זעט, לחיי הוא דיהיב, גיט ער עס פאר לעבעדיגע מענטשן, ווייל אזוי שטייט אין פסוק (תהלים קמה-טז), פותח את ידך ומשביע לכל חי, ווען דער באשעפער געבט א שפע, גיט ער נישט פאר א מענטש וואס וועט שוין שטארבן, און ער גייט גארנישט האבן דערפון. אז דער באשעפער געבט שפע, איז דער טייטש אז ער גיט עס פאר א מענטש וואס איז אויסגעשטעלט צו לעבן, אז ער זאל האבן שובע. אז מען וועט מתפלל זיין אויף מזונא, וועט דער אייבערשטער העלפן, אז עס וועט אוועקגיין די מיתה אויך.

**קומט** אויס אז מען וויל מתפלל זיין אויף מותנא, מען זאל זיין געזונט, איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מען קען מתפלל זיין. מען קען מתפלל זיין ביי רפאנו, דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיין געזונט. און עס איז דא נאך א וועג, ער קען מתפלל זיין ברך עלינו את השנה הזאת, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן שובע, ער זאל געבן ברכה על פני האדמה, און פאר וועם גיט ער שובע, לחיי הוא דיהיב, ער גיט עס נאר פאר די לעבעדיגע, קומט אויס אז די ברכה פון ברכת השנים, איז אויך א ברכה וואס ליגט דערין א כח פון רפואה. רפואה איז נאר רפואה, מען איז מתפלל אויף מותנא, און די ברכה פון ברכת השנים, איז מען מתפלל אויף כפנא, און כפנא טוט אוועק נעמען מותנא אויך.

**און** עס האט נאך א נקודה דערין. ווען א מענטש בעהט אויף א רפואה, עס איז דאך א גזירה פון הימל, און אסאך מאל זענען די שערים פארמאכט, עס איז נגזר געווארן. אבער עס איז דא א אונטער טיר, וואס מען קען אריינגיין פון א צווייטע זייט, אז אפילו מען קען נישט מבטל זיין די גזירה וואס איז דא, קען מען מתפלל זיין אויף שובע, און ממילא וועט קומען דערמיט חיי אויך. און עס איז נאך שטערקער, ווייל עס איז אין בודקין למזונות (בבא בתרא ט.), ביי מזונות איז מען נישט בודק. איז דאך דער טייטשט, אז ווען א מענטש בעהט אויף עסן, דארף מען געבן עסן פאר יעדן איינעם. ווען א מענטש בעהט אויף פרנסה, איז אין בודקין למזונות, אבער אויף רפואה איז מען יא בודק, איז ממילא קומט אויס אז עס ליגט אין ברכת השנים א שטערקערע כח מתפלל צו זיין אויף רפואה, ווי אין רפאנו. ווייל ביי רפאנו קען אמאל זיין אז די שערי רפואה זענען פארמאכט, אבער די שערים פון פרנסה זענען אפען, און אז מען איז מתפלל אויף די ברכה פון ברכת השנים, קומט אויס אז עס ברענגט מיט זיך מיט א רפואה אויך.

**האבן** די חכמים צוגעשטעלט, אז נאך רפאנו זאל מען מתפלל זיין אויף ברכת השנים, ווייל אפילו עס איז פארמאכט די שערים אויבן אין הימל, און עס גייט נישט אדורך די תפלה פון רפאנו, איז מען מתפלל נאכדעם ברכת השנים, אז דער אייבערשטער זאל געבן שובע, וכי יהיב שובע, לחיי הוא דיהיב, קומט אויס אז עס ליגט אין דעם א ברכה אויף א חלק פון רפואה אויך.

**די** משנה זאגט אין סוכה (נא.) אז ביי שמחת בית השואבה האט מען געגומען מבלאי מכנסי כהנים, מען האט גענומען פון די אלטע בגדים פון די כהנים, און מהן 'מפקיעין', פון דעם האט מען געריסן שטיקלעך, און געמאכט די קנויטן וואס מען האט אנגעצינדן די מנורה. זעהט מען אז מפקיע איז א לשון קריעה, רייסן. אמאל איז דא וואס די שערים פון רפואה אויבן זענען פארמאכט, און מען דארף איינרייסן אז די שערים זאלען זיך עפענען, און נישט אייביג האט מען די כח אז מען זאל דאס קענען עפענען. נאך רפאנו האט מען מתקן געווען די ברכה פון ברכת השנים, משום מפקיעי שערים, ווייל אמאל קען זיין אז ביי די ברכה פון רפאנו, זענען די טויערן פארמאכט, און מען דארף איינרייסן, און מיר האבן נישט די כוחות מען זאל קענען איינרייסן. האט מען מתקן געווען נאכדעם זאל זיין די ברכה פון ברכת השנים, מאן דיהיב שובע, לחיי הוא דיהיב. ליגט איןביידע ברכות א כח פון תפלה. - על כל פנים, לעולם יתפלל אדם שלא יחלה, מען זאל בעטן און מתפלל זיין, מער משים על הלב זיין ביי די תפילות וואס מען איז מתפלל.

*

**מען** ווייסט אז די פרשה פון קטורת האט אין זיך געוואלדיגע סגולות. איך וועל נאכזאגן א לשון אין זוהר הק', עס איז א זוהר אין פרשת וירא (ק:), און עס איז א זוהר אין פרשת ויקהל, אז רבי פנחס האט געזאגט, אז אליהו הנביא האט אים געזאגט, אז עס איז דא א ברית פונעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט גענומען דעם ברית און ער האט עס צושפרייט אינעם גאנצן הימל, אז יעדער פון די מלאכי השרת זאלן וויסן דערפון. אז ווען יודען קומען זיך צוזאם אין בית המדרש, און מען זאגט די פרשה פון קטורת, איז עס מבטל די כח פון מיתה. מען דארף שטענדיג זיין צייטליך ביים דאווענען, און זאגן קטורת צוויי מאל ביים דאווענען צופרי, פארנט פונעם דאווענען, און ביי אין כאלקינו זאגט מען נאכאמאל די פרשה פון קטורת. תפלה דארף מען דאווענען צוזאמען, און אפילו די ברכות דארף מען דאווענען געהעריג, אבער עס איז נישט אזוי, מען קומט ערשט אן צו הודו, איינער דאוונט פריער און איינער דאוונט שפעטער, אבער ביי אין כאלקינו דארט איז יעדער אין בית המדרש, און יעדער זאגט צוזאמען. אמאל האלט מען פריער, אמאל האלט מען שפעטער, ווען עס שטייט א בעל תפלה און מען זאגט קטורת, זאל ער מיטזאגן, עס איז נישט קיין חילוק ווי ער האלט. דאס איז א געוואלדיגע סגולה, ווען מען זאגט אין די בתי כנסיות די פרשה פון קטורת, מען האט אויסגערופן אויבן אין הימל אז עס נעמט אוועק די מותנא, האט עס א געוואלדיגע כח.

**דער** אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו וואס מיר בעטן, זאל דער אייבערשטער צוהערן צו תפלת ישראל. עס זאל נישט צו אונז צורירן, עס זאל נישט אריינקומען אין דער גאנצע געגענט קיין שום צער און מחלה און אלעס וואס מען דארף האבן, למנוע משחית ומגפה מעלינו ומעל כל עמו ישראל, דער באשעפער זאל העלפן, אז די תפלות וואס כלל ישראל זענען מתפלל זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, סיי דא און סיי אין ארץ ישראל, איבעראל בכל מקומות וואו יודען זענען.

**עס** קומט יום טוב, מען דארף זיך צוגרייטן צום יום טוב, צדקה תציל ממות (משלי י-ב), מרבה זיין אין צדקות. עס איז פאר יום טוב, עס איז דא מער נצרכים אין אזא צייט ווי א אנדערסט מאל, דער אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין אויפן כלל ישראל, מען זאל הערן נאר גוטע בשורות, שנשמע ונתבשר בשורות טובות ישועות ונחמות, מען זאל זוכה זיין איגאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.